בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# נייעס פון קינדערגארטן




## ✪מנשה און אפרים

מיטוואך – (פאר די גרעסערע קינדער) מיין רבי זאגט היינט, אז אלע קינדער זאלן קומען אהער צו אים און ער מאכט א פינטל מיט א מעדשי"ק נאר אויף די רעכטע האנט. פארוואס? קיינער ווייסט נישט. באלד נאך פרישטאג וועט מען שוין זעהן....

די וואך אין די פרשה, לערנען מיר אז יעקב אבינו האט געבענטשט מנשה מיט אפרים, און אלע קינדער ווייסן אויך וויאזוי יעקב אבינו האט אויסגעדרייט זיינע הענט און געשטעלט די רעכטע האנט אויף אפרים, די לינקע אויף מנשה. ווען מיר קומען זיך צוזאם - (די וואך זענען מיר געווען אין א אנדערע לאנט"ש רו"ם ווייל מ'מאכט איבער די פלאר פון אולם עקשטיין) - הערן מיר קודם פארוואס יוסף הצדיק איז געגאנגען מיט זיינע קינדער צו יעקב אבינו, ווייל יעקב האט נישט גוט געפילט און יוסף האט געמאכט די מצוה פון ביקור חולים. מיר אלע קינדער גייען יעצט אויך מאכן די מצוה פון ביקור חולים, א וואוילע אינגעלע משה שלו' שרגא פליישמאן קומט ארויף, און דערציילט פאר אלע קינדער אין די מייק, וואס עס האט פאסירט מיט זיין הענט, און וויאזוי ער האט זיך שטארק צוקלאפט. אלע קינדער זאגן אים א רפואה שלימה און אים אנגעוואנטשן אז זיינע הענטעלעך זאלן זיך שנעל אויסהיילן.

יעצט איידער מיר גייען הערן איבער די פרשה פון מנשה און אפרים דארפן מיר קודם פארשטיין פארוואס האט יעקב אבינו געמאכט "אזוי" מיט זיינע הייליגע הענט. הערן מיר ווי שטארק חשוב די רעכטע האנט איז, לאמיר זעהן ווער עס ווייסט וועלכע איז די רעכטע האנט? "אלע קינדער הייבן אויף נאר די הענט וואס האט א פינטעלע (די רעכטע הענט), דערנאך לייגט מען אראפ די רעכטע און מ'הייבט אויף די לינקע, אזוי עטליכע מאל, מיר זאלן זיך גוט אויסלערנען וועלכע איז די רעכטע האנט.... מיר הערן אויך אז א אידיש קינד טוט אלעס מיט די רעכטע האנט. קומט ארויף א אינגל **יצחק שמעון בראך** ער ווייזט פאר יעדן זיין רעכטע האנט, און ער גייט ווייזן מיט וועלכע הענט מ'האלט א לעפל, יעצט קומט ארויף **אלי' שאול רייך** און ווייזט אויך זיין רעכטע האנט, ער גייט ווייזן מיט וועלכע האנט מ'כאפט אן א גלעזל ווען מ'טרינקט. דערנאך קומט ארויף **מרדכי הירש** ער ווייזט זיין רעכטע האנט ער גייט ווייזן מיט וועלכע האנט מ'כאפט אן שערל צו שניידן. **וואלווי ווייס** ווייזט זיין רעכטע האנט, ער גייט ווייזן מיט וועלכע האנט מ'כאפט אן א מעדשי"ק צו קאלערן. **אשר לעמל מאשקאוויטש** ווייזט אויך זיין רעכטע האנט פאר אלע קינדער, ער גייט ווייזן מיט וועלכע האנט מ'כאפט אן א בראש צו פעינטן. און **ניסים יוסף דאנא** ווייזט זיין רעכטע האנט, ער גייט ווייזן מיט וועלכע האנט כאפט מען א קרעיאן צו קאלערן די סדרה ביכל.

אלע קינדער ציילן ביז דריי און אלע קינדער וואס זיצן ביים טיש טוען אלע זייער זאכן נאר "מיט די רעכטע האנט".

יעצט אז מיר ווייסן שוין די חשיבות פון די רעכטע האנט זעהן מיר וויאזוי יעקב אבינו - **אלי' סופר**, ליגט אין בעטל און און איז שוואך. האט יוסף הצדיק - **אברהם עביר פרענקל** גענומען זיינע צוויי קינדער מנשה - **ישעי' זילבערשטיין**, און אפרים - **יעקב שטערן**, און זיי זענען געקומען צו יעקב אבינו. מיר זעהן וויאזוי יעקב אבינו הייבט אויף זיינע הענט און געט דאס א דריי אויס.... יוסף הצדיק זאגט פאר יעקב אז מנשה איז עלטער און מ'דארף אויף אים לייגן די רעכטע האנט, אבער יעקב אבינו ענטפערט אים, איך ווייס... אבער אפרים'ס קינדער גייען זיין גרויסע צדיקים.... דערנאך האבן מיר אלע קינדער צוזאמען געזאגט הויעך "המלאך הגואל מכל רע", וואס דאס איז די ברכה פון יעקב אבינו.

## ✪וידגו לרוב – אזוי ווי די פישעלעך

יעקב אבינו האט געבענטשט מנשה און אפרים מיט די ברכה אז זיי זאלן זיך מערן ווי די פיש. איז געווען זייער אינטרעסאנט ווען מיין רבי האט מיך געטראגן צו א חדר ווי עס זענען דא זייער שיינע קליינע קאלערדיגע פישעלעך וואס שווימען זיך אזוי זיס ארום אין די טאנק...

## ✪טעות לעולם חוזר

לעצטע וואך איז בטעות ארויס געפאלן דעם נאמען פון א אינגל וואס האט געטראפן די קריגעלע אויל. **נתן שעהר** פון ר' אברהם שמוא' פריעדלענדער און ר' מתתי' אירגאס'ס חדר האט געטראפן די קריגעלע אויל.

## ✪זיכערהייט תקנה צוריק אריין אין קראפט

מיר ווילן מודיע זיין די חשובע עלטערן אז די תקנה וואס דער טראנספארטעישן האט איינגעפירט דעם פאריגן זוממער בנוגע דאס אראפ שטעלן קינדער אן אפוואַרטן, וועט פון דעם קומענדיגן זונטאג פ' שמות צוריק באפעסטיגט ווערן און די דרייווער און באס רבי"ס זענען אנגעזאגט געווארן אז קיין שום קינד וועט נישט ווערן אראפ געלייגט אויב אן ערוואקסענער ווארט אים נישט אפ. עס איז א מורא'דיגער אחריות אראפ צו שטעלן א קינד, ספעציעל אין די קעלטן, און חלילה אויב בלייבט ער אויף די גאס ווייל קיינער איז נישט אין שטוב, דארף מען נישט מסביר זיין וואס דאס מיינט ח"ו. די קינדער וועט מען צוריק ברענגן אין חדר אוואו זיי וועלן ווערן געהאלטן אונטער דעם אויפזיכט פון א מלמד, און מ'וועט זיי קענען אפנעמען מיט א טשארד"ש.

## ✪מעסעד"ש פון די וואך (פיננאט באטטער)

מיר ווילן נאכאמאל בעטן די חשובע עלטערן מ'זאל נישט שיקן מיט קיין קינדער קיין "שום" פראדוקט וואס פארמאגט עפעס פון פיננאטס". צו איז דאס א פיננאט באטטער ברויט אדער סיי וועלכע נאש אד"ג. ביטע נעמט אין אכט אז מיר האבן עטליכע קינדער וואס זענען גאר שטארק אלערדשיק דערצו וחמירא סכנתא מאיסורא.

## ✪מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב פאר
המלמד החשוב

### מו"ה **אברהם משה טויב** שליט"א

צו דעם בר מצוה פון זיין זוהן נ"י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט מתוך נחת והרחבת הדעת עמו"ש

וי אויך פאר המלמד החשוב

### מו"ה **הערש יוסף לעווי** שליט"א

צו דעם אפשערן פון זיין זוהן הילד היקר ישרא' יעקב נ"י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אים מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבת הדעת.

# זיסע חכמה'לעך

**יצחק מזרחי** האט געגעסן ברויט און עס האט זיך צובראכן א שטיקל און איז אראפ געפאלן, זאגט ער "מאמי! מ'קען לייגן סקאט"ש טעיפ.....

מ'האט געפרעגט **יעקב הערש פערל** , וויאזוי האט געהייסן די קליינע מיידעלע (סרח בת אשר) זאגט ער "סרח און איך גיי איר בייסן, ווייל זי הייסט בייס אשר"...

ווען מ'האט געפרעגט **משה'לע פעלבערבוים**, ווער האט געשפילט אויף די פידל? זאגט ער "רבי בראך"...

**משה הערשעלע** רופט זיך אן "איך ווייס פארוואס א שווארטצע גוי איז אזוי טונקל, ער ווערט שמוציג און ער וואשט זיך קיינמאל נישט אפ, און ער ווערט נאכאמאל שמוציג מער און מער ביז ער ווערט א טונקעלע שווארטצע גוי"...

**יחזקא'לע ווערצבערגער** (א פרי נורסערי אינגל) האט נישט גוט געפילט אפאר טעג ער איז נישט געגאנגען אין חדר. ווען מ'האט אים געפרעגט פ"וו גייסטו נישט אין חדר? זאגט ער "די יונים האבן צוגעשפארט די חדר מיט א גרויסע שלאס"...




אײן טאג וועקט זיך **משה הערשלע** אויף, און זאגט "איך האב געחלומ'ט א חלום, פרעגט מען אים וואס? זאגט ער "כאב מיך געחלומט אז אלע בונטעלעך ביקן זיך צו מיר און מיין בונטל איז אינדערמיט, און אויך די זון און די לבנה און די שטערן'ס ביקן זיך צו מיר" שרייט ער אויס"....

**פנחס** זאגט ביי קידוש לבנה "אז די לבנה איז ארויף געפלויגן מיט א ראקעט"...

ווען מ'האט געזאגט פאר **מענדעלע פריינד** אז זיין טאטע גייט געבן געלט פאר זיין רבי, האט ער געזאגט "טאטי האט שוין געגעבן געלט פאר די חדר ווען ער איז געפארן מיט די געלע באס (די דינער)"....

**סענדר ישראלי** (פרי נורסערי) פארציילט "אז יהודא האט געשריגן צו יוסף: געב צוריק מיין ברודער פון המן (בנימין)"...

ווען **נחום מרדכי בערקאוויטש'ס** טאטע האט אים געפרעגט צו ער וויל זיין א טאטע? האט ער געזאגט "יא! נאר טאטע, נישט א בחור"...







## איך בין דריי יאהר

מזל טוב
הילד היקר
**אברהם שמחה שעהנברוינן"י**
**בן מו"ה יוא' יעקב הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**משה ווערצבערגער נ"י**
**בן מו"ה יעקב אליעזר הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**ישרא' יעקב לעווי נ"י**
**בן מו"ה הערש יוסף הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**מנחם זאב לעבאוויטש נ"י**
**בן מו"ה בנציון הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**אלכסנדר ישרא' לאנדא נ"י**
**בן מו"ה יואל הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**אברהם יושע עקשטיין נ"י**
**בן מו"ה יואל הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**מענדל שווארטץ נ"י**
**בן מו"ה יואל אלי' הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים
יראי ד' אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך אידיש נחת געזונטערהייט עמו"ש